**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/3/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט דעפּארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס האט איינגעשפּארט פאר פריוואטע מענטשן מער פון 13.6 מיליאן דאלאר אין צוריקבאקומענע געגנב'טע קארן, טייטלס, קאר טיילן און סערוויסעס**

***מער פון 384 געגנב'טע קארן צוריקבאקומען אין 2025 ווערט 10.4 מיליאן דאלאר***

***נאך 3.2 מיליאן דאלאר אין צוריקבאקומענע טייטלס, פארערכטונגען און צוריקגעצאלטע געלט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז די DMV האט געהאלפן ניו יארקער צוריקבאקומען מער פון 13.6 מיליאן דאלאר אין געגנב'טע קארן, טייטלס, קאר טיילן און סערוויסעס דורכאויס 2025. די ציפער איז ארויף פון 11 מיליאן דאלאר אין 2024. די צוריקבאקומענע גניבות העלפן נעמען שטרענגע שריט קעגן ארגאניזירטע קאר גניבה און שווינדלעריי אפעראציעס וועלכע נוצן אויס ניו יארקער.

"ווען מענטשן ווערן באגנב'עט אדער אפגענארט, וועט ניו יארק זיך אוועקשטעלן פאר זיי און זיך שטרענג באנעמען מיט בייזוויליגע עלעמענטן", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "רוב קאר מעכאניקער שאפס און דיעלערס אין אונזער סטעיט טוהען אן אויסגעצייכנטע ארבעט, אבער ווען שווינדל אדער גניבה קומט פאר, וועט די סטעיט רעגירונג טוהן אלעס אין זייער כוח צו ברענגען יושר. די DMV טוט אזויפיל מער פון וויפיל פילע ניו יארקער כאפן, און דאס איז א געוואלדיגע ביישפיל פון די ארבעט וואס זיי טוהען יעדן טאג צו באשיצן פריוואטע מענטשן."

גאווערנער Hochul (האקול) האט געלייגט פריאריטעט אויף דאס [אונטערנעמען שריט קעגן קאר גניבות](). די גאווערנער האט אויך געמאכט דאס רעדוצירן די קאסטן פון קאר אינשורענס א הויפט טייל פון איר 2026 אגענדע. היינט, באצאלן ניו יארקער צווישן די העכסטע קאר אינשורענס ראטעס אין דאס לאנד. געגנב'טע קארן און ארגאניזירטע שווינדלערייען זענען צוויי זאכן וואס ביישטייערן צו די וואקסנדע קאסטן. דורכן פאראויס שטופן שכל'דיגע רעפארמען, וועט גאווערנער Hochul's (האקול) פארשלאג מאכן ניו יארק'ס געסער זיכערער און ברענגען נויטיגע פארלייכטערונג פאר מיליאנען דרייווערס. לערנט מער איבער [די גאווערנער'ס איניציאטיוון.]()

**DMV קאמישאנער Mark J.F. Schroeder (מארק דזש. פ. שרעידער) האט געזאגט,** "אונזערע ארבייטער און פירערשאפט זענען גאר שטאלץ מיט די ארבעט וואס זיי טוהען צו ארויסהעלפן פריוואטע מענטשן. אויב איר ווערט פארקויפט א פעלערהאפטיגע קאר, באקומט פארערכטונג ארבעט וואס איז נישט ווי עס דארף צו זיין אדער ווערט נישט געגעבן א טייטל פאר די קאר וואס איר קויפט, קענען אונזערע איינגעשטעלטע אייך העלפן. מיר פרובירן קודם צו אויסארבעטן געפעכטן צווישן ביזנעסער און קונדן, אבער מיר וועלן זיך נישט צווייפלען בעפארן נוצן אונזערע אינפארסירונג כלים צו באשיצן פריוואטע מענטשן ווי נויטיג."

אלס טייל פון איר קאנצענטראציע אויף אפארדעביליטי פאר אלע ניו יארקער און דאס זיך נעמען צו די וואקסנדע קאר אינשורענס קאסטן, טוט גאווערנער Hochul (האקול) אויפלעבן די ניו יארק סטעיט קאר גניבה און אינשורענס שווינדל פארמיידונג באורד ( New York State Motor Vehicle Theft and Insurance Fraud Prevention Board). אלס טייל פון די באורד, וועט די DMV ארבעטן בשותפות מיט אנדערע אגענטורן און אינדוסטריע-פארמישטע קערפערשאפטן צו איינפירן נייע שיטות צו פארמינערן קאר גניבות און אפשטעלן שווינדלערייען כדי צו אראפנידערן אינשורענס קאסטן פאר מיליאנען ניו יארקער.

די אגענטור האט צוריקבאקומען 384 געגנב'טע קארן מיט א געשאצטע ווערט פון איבער 10.4 מיליאן דאלאר און נאך 18 געגנב'טע טיילן ווערט $76,778. ניו יארקער ווערן דערמאנט צו [זיין פארזיכטיג מיט קארן וואס ווערן פארקויפט דורך אנליין פלאטפארמעס]() ווי Craigslist ,Facebook Marketplace און אנדערע ענליכע וועבזייטלעך. די קארן האבן אפט ארומגעשפילטע וויהיקל אידענטיפיקאציע נומערן און געפעלשטע טייטלס, איבערלאזנדיג די אומשולדיגע קורבנות אן געלט און אן א קאר ווען זיי ווערן געוואויר אז זיי האבן אומווילנד געקויפט א געגנב'טע קאר.

אין צוגאב, האט די DMV ארויסגעהאלפן 604 מענטשן ביים ארויסבאקומען קאר טייטלס, סערוויסעס און צוריקגעצאלטע געלט אין א געשאצטע ווערט פון איבער 3.2 מיליאן דאלאר פון נישט ארנטליכע קאר דיעלערס און מעכאניקער שאפס.

נאכן אויספארשן קאמפלעינטס דורך פריוואטע מענטשן, האט די DMV אונטערגענומען שריט קעגן קאר דיעלערס און מעכאניקער שאפס פארן פארקויפן קארן אן לאזן וויסן דעם קליענט איבער באדייטנדע פעלערס, פארן נעמען געלט פון קליענטן פאר פאררעכטונגען וואס זענען קיינמאל נישט פארענדיגט געווארן אדער געטוהן געווארן נישט ווי עס דארף צו זיין, אדער פארן נעמען געלט פון קליענטן פאר פאררעכטונגען וואס זיי דארפן נישט. דורך די ארבעט, האט די DMV ארויסגעהאלפן 538 מענטשן מיטן צוריקבאקומען א סך הכל ווערט פון $1,604,460 פון דיעלערשיפס און מעכאניקער שאפס. די סומע רעכנט אריין $882,131 אין צוריקגעצאלטע געלט, $459,979 ווערט פון קארן צוריקגעקויפט און $252,655 אין ארבעט איבערגעטוהן.

די DMV האט אויך ארויסגעהאלפן ניו יארקער ווען קאר דיעלערשיפס האבן זיך פארמאכט פלוצלינג אדער וועלכע האבן נישט געגעבן קאר טייטלס פאר קליענטן אין אלגעמיין. די DMV האט ארויסבאקומען 66 טייטלס פאר א סך הכל פון $1,589,983. אן א טייטל, קען א קאר אייגנטומער נישט אריבערפירן די אייגנטום, אראפנעמען א ליען (משכון) אדער פארשטעלן א באוויז פון אייגנטום וואס איז נויטיג צו קענען ארויסנעמען א הלוואה פאר די קאר אדער צו אריינגעבן אן אינשורענס קלעים.

די DMV מוטיגט מענטשן צו האנדלען נאר מיט רעגיסטרירטע דיעלערס און מעכאניקער שאפס. סיי דיעלערס און סיי מעכאניקער שאפס זענען פארלאנגט צו האבן א שילד אינדרויסן פון זייערע געביידעס איינמעלדנדיג פאר די פובליקום אז זיי זענען רעגיסטריט מיט די DMV. די שילדן האבן אויך די DMV-ארויסגעגעבענע איינריכטונג נומער. די מעכאניקער שאפּ שילד איז גרין מיט ווייסע אותיות. די דיעלער שילד איז רויט מיט ווייסע אותיות.

מענטשן וואס גלויבן אז זיי זענען איינגעמאנט געווארן אומיושר'דיגע קאסטן אדער האבן באקומען שוואכע ארבעט קענען [אריינגעבן א קאמפּלעינט]() איבער א DMV-רעגולירטע ביזנעס.

פאר ביזנעסער, גיבט די DMV אינפארמאציע איבער זייערע רעכטן אויב א קאמפלעינט ווערט אריינגעגעבן קעגן זיי אין די [אנווייזונגען פאר איינריכטונגען.]() די DMV גיבט אויך [אנווייזונגען ביים אריינברענגען א קאר פאר פאררעכטונגען]().

אן אנליין פלאטפארמע צו טרעפן א DMV-רעגולירטע ביזנעס איז אויך פארעפנטליכט אויף די DMV וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן